# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:19
מוצאי שב"ק.....................8:49

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................שופטים י"ג-י"ד
בבלי.....................כתובות נ"ב
ירושלמי............סנהדרין מ"ט
תוספתא....................כלאים ג'
רמב"ם..רוצח ושמירת הנפש ו'

פרשת ראה, שבת ראש חודש, א' דראש חודש אלול, אבות פרק ה', שנת תשפ"ב לפ"ק — שנה 11, גליון 52 (567)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה. זֶע אַז אִיךְ גֶעבּ פַּאר אַייךְ "הַיינְט" אַ בְּרָכָה אוּן אַ קְלָלָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א' סִימָן ל"ו), אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט אַרָאפּ פוּן הִימְל יֶעדְן טָאג פַּארְ'ן מֶענְטְשׁ אַ לִיכְטִיגְקֵייט, אוּן עֶס לִיגְט אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיסְצוּמָאלְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט וִוי אַזוֹי עֶר ווִיל, צִי עֶס זָאל זַיין גוּט אוּן גֶעשְׁמַאק, אָדֶער חָלִילָה פַארְקֶערְט.

אַזוֹי וִוי מְ'גֶעבְּט פַּאר אַ מֶענְטְשׁ בֶּערְשְׁטְלֶעךְ מִיט פַארְבּ, אוּן מְ'זָאגְט אִים עֶר זָאל מָאלְן דֶערְמִיט אַ בִּילְד, אוּן עֶס לִיגְט אִין זַיינֶע אֵייגֶענֶע הֶענְט וָואס אוּן וִוי אַזוֹי צוּ מָאלְן. אוֹיבּ הָאט דֶער מֶענְטְשׁ שֵׂכֶל, וֶועט עֶר נֶעמֶען דִי גֶעצֵייג מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּן מָאלְן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְטִיגֶע בִּילְד, פוּן וָואס יֶעדֶער וֶועט הֲנָאָה הָאבְּן בַּיים קוּקְן דֶערוֹיף. אוֹיבּ אָבֶער הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, נֶעמְט עֶר דִי אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער, אוּן עֶר מָאלְט אַ טוּנְקֶעלֶע שְׁוַוארְצֶע בִּילְד, וָואס כַאפְּט אַ פַּחַד בַּיים קוּקְן דֶערוֹיף.

דִי זֶעלְבֶּע גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַּאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ יֶעדְן טָאג אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּמָאלְן דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג; אַ מֶענְטְשׁ מִיט שֵׂכֶל וֶועט נֶעמֶען דֶעם טָאג מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד, עֶר וֶועט אַרַיינְכַאפְּן וִוי מֶער גוּטֶע זַאכְן אִינֶעם טָאג, אַבִּיסְל תּוֹרָה, תְּפִלָּה, אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן זַיין בִּילְד וֶועט אוֹיסְקוּמֶען הֶערְלִיךְ שֵׁיין מִיט אַלֶע טַעֲמִים, עֶר וֶועט שְׁפִּירְן דֶעם טַעַם פוּן גַּן עֵדֶן נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט. אָבֶער אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט דֶעם רִיכְטִיגְן שֵׂכֶל, וֶועט לִיגְן אִין זַיין דֶעפְּרֶעסְיֶע אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, נִישְׁט הָאבְּן קַיין גֶעדוּלְד צוּ קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן הָאבְּן דֶעם גֵיהִנוֹם אוֹיף דִי וֶועלְט.

אוּן מְ'דַארְף ווִיסְן אַז דֶער עִיקָר סוֹד מַצְלִיחַ צוּ זַיין אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אַ בְּרָכָה אִינֶעם טָאג, אִיז דוּרְכְ'ן קוּקְן נָאר אוֹיף הַיינְטִיגְן טָאג, נִישְׁט אוֹיף נֶעכְטְן אוּן נִישְׁט אוֹיף מָארְגְן. אִין אֵיין טָאג קֶען אַ מֶענְטְשׁ אַלֶעס טוּן, אַרַיינְכַאפְּן אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן, דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען הוֹיבְּן זִיךְ אָבֶער אָן וֶוען מְ'קוּקְט אוֹיף נֶעכְטְן, מְ'וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן אַז נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען אַ דוּרְכְגֶעפַאלֶענֶער טָאג, מְ'הָאט סְתָּם פַארְבְּרֶענְגְט דִי צַייט אוּן גָארְנִישְׁט אוֹיפְגֶעטוּן, אוּן דֶערְפַאר הָאט מֶען נִישְׁט דִי כֹּחַ זִיךְ צוּ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין יָא אוֹיסְצוּנוּצְן דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען מְ'קוּקְט אוֹיף מָארְגְן, דַאן הוֹיבְּט מֶען אָן טְרַאכְטְן, "אֲפִילוּ אוֹיבּ הַיינְט הָאבּ אִיךְ יָא מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, וָואס וֶועט אָבֶער זַיין מָארְגְן? וֶוער קֶען מִיר פַארְזִיכֶערְן אַז מָארְגְן וֶועט אוֹיךְ זַיין אַ גֶעלוּנְגֶענֶער טָאג?", דִי אַלֶע מַחְשָׁבוֹת קֶענֶען אַוֶועקְנֶעמֶען דִי הַצְלָחָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א' סִימָן רע"ב), אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים צ"ה, ז') "הַיּוֹם אִם בְּקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ", אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַלְץ טְרַאכְטְן נָאר פוּן דֶעם טָאג אוּן דִי צַייט אִין וָואס עֶר גֶעפִינְט זִיךְ יֶעצְט, נָאר טְרַאכְטְן וָואס עֶר קֶען אוֹיפְטוּן אִין יֶענֶע מִינוּט, סֵיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת, אוּן דַאן וֶועט עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם 'הַיּוֹם' - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אִיךְ גֶעבּ דִיר אַ מַתָּנָה דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, אוֹיבּ הָאט מֶען שֵׂכֶל אוּן מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף נֶעכְטְן אוּן אוֹיף מָארְגְן, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיסְצוּנוּצְן דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג וִוי עֶס בְּרוֹיךְ צוּ זַיין, דַאן וֶועט עֶס זַיין, בְּרָכָה - אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶער טָאג, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיבּ מֶען וֶועט עֶס אָפְּשְׁטוּפְּן אוֹיף מָארְגְן, 'הַיינְט אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, מָארְגְן וֶועל אִיךְ אָנְהֵייבְּן עֶפֶּעס טוּן", דֶערְמָאלְט, וּקְלָלָה - וֶועט עֶס זַיין אַ פַארְשָׁאלְטֶענֶער טָאג.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נִיצְט אוֹיס דִי טֶעג אוּן פִילְט עֶס אָן מִיט גוּטֶע זַאכְן, דָאס וֶועט אִים בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג, עֶס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"ש לְפַּרְשַׁת רְאֵה)

## מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### אַ טוֹבָה פַּאר אַ אִיד

דִי גְרוֹיסְקֵייט אוּן חֲשִׁיבוּת פוּן אַ אִיד וָואס פְּרוּבִּירְט וִוי מֶער צוּ הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן, צוּ טוּן טוֹבוֹת פַּאר אַ צְוֵוייטְן, קֶען מֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט אַזַא אִיד אִין אַלֶע וֶועלְטְן, זַיין שְׂכַר אִיז אוּמְשַׁאצְבַּאר, אוּן עֶר בְּרֶענְגְט מִיט דֶעם אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת אוּן הַשְׁפָּעוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט.

אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט מִיטְ'ן צַדִיק הרה"ק רֶבִּי נָחוּם טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זי"ע, דֶער הֵיילִיגֶער "מָאוֹר עֵינַיִם", וָואס פוּן דֶעם קֶען מִיר זֶען דִי גֶעוַואלְדִיגֶע חֲשִׁיבוּת אִין הִימְל פוּן אַ אִיד וָואס טוּט טוֹבוֹת מִיט אַנְדֶערֶע אִידְן.

נָאךְ דִי הִסְתַּלְקוּת פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק, פְלֶעגְט עֶר וַוייטֶער אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּ לֶערְנֶען מִיט זַיין זוּן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זי"ע. אֵיינְמָאל אִיז אַרִיבֶּער אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס דֶער טַאטֶע אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען לֶערְנֶען מִיט אִים, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט פוּן דֶעם גְרוֹיס צַעַר. בִּיז אֵיין

<<<<<<

## א גוט ווארט

דָאס וָואס דוּ קְרֶעכְצְט אַז יֶעצְט נָאךְ דִי חֲתוּנָה זֶענֶען דַיינֶע נִסְיוֹנוֹת מֶער וִוי אַלְס בָּחוּר; דָאס אִיז וַוייל יֶעצְט הָאסְטוּ אַ גְרוֹיסֶע טֶעלֶעפָאן מְחוּבָּר צוּ אַלֶע טֻמְאוֹת וְזוּהֲמוֹת אוּן אַלְס בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה הָאסְטוּ גֶעהַאט אַ כָּשֵׁר'עֶ טֶעלֶעפָאן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סג:): "כֵּיוָן שֶׁנָּשָׂא אָדָם אִשָּׁה", וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה, "עֲוֹנוֹתָיו מִתְפַּקְקִין", פַאלְן אַוֶועק דִי עֲבֵירוֹת, אוּן אַלְס בָּחוּר וֶוען מֶען אִיז אַ פְּלַג גוּף, אַ הַאלְבֶּער מֶענְטְשׁ - אִיז מֶען נִישְׁט אָפְּגֶעהִיטְן, דָאס אִיז אַן אַ טֶעלֶעפָאן, אָבֶער מִיט אַ טֶעלֶעפָאן אָפְן צוּ עֲבֵירוֹת - פַאלְט מֶען אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, סֵיי מִיט אַ וַוייבּ אוּן סֵיי אָן אַ וַוייבּ.

וַוארְף אַוֶועק דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט - וֶועסְטוּ זֶען וִוי גוּט אוּן זִיס דִי לֶעבְּן וֶועט דִיר זַיין, דִי טֶעלֶעפָאן אוּן טֶעבְּלֶעט לָאזְט דִיר נִישְׁט לֶעבְּן, עֶס נֶעמְט דִיר אַוֶועק דַיין מֹחַ, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט לֶעבְּן. אַז דוּ וֶועסְט צוּרִיק נֶעמֶען דִי טֶעלֶעפָאן פוּן אַלְס בָּחוּר - וֶועסְטוּ זֶען וִוי גוּט דָאס לֶעבְּן וֶועט דִיר זַיין.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה עֵקֶב תשפ"ב)

### אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# מַיין מַאן דֶער בַּטְלָן
# אָדֶער
# מַיין מַאן דֶער גֶעלוּנְגֶענֶער?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ה' פַּרְשַׁת עֵקֶב, כ"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הֶער אַלֶע טַעֲנוֹת וָואס אִיר הָאט אוֹיף אֵייעֶר מַאן אוּן אִיךְ גֶעב אַייךְ גֶערֶעכְט; אִיר זֶענְט הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גֶערֶעכְט, אִיךְ וֶועל אִים זָאגְן עֶר זָאל גֵיין נֶעמֶען אַן אַרְבֶּעט אוּן בְּרֶענְגֶען גֶעלְט אִיר זָאלְט נִישְׁט צַאמְפַּאלְן פוּן אַלֶע חוֹבוֹת.

אָבֶער כְּדֵי אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין מִיט אִים, אַז עֶר זָאל קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ אוּן אַהֵיים בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה - דַארְפְט אִיר מִיר הֶעלְפְן. אִיר שְׁרַייבְּט אִינֶעם בְּרִיוו: "מַיין מַאן דֶער בַּטְלָן", אִיבֶּער צֶען מָאל בַּאטִיטְלְט אִיר אִים מִיט דֶעם נָאמֶען; "מַיין מַאן דֶער בַּטְלָן שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעט", "מַיין מַאן דֶער בַּטְלָן בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה", "מַיין מַאן דֶער בַּטְלָן הָאט חוֹבוֹת, נָאךְ פוּן אַלְס בָּחוּר"; אַז אִיר וֶועט אִים רוּפְן מִיטְ'ן צוּנָאמֶען "בַּטְלָן" - וֶועט עֶר בְּלַייבְּן אַ בַּטְלָן אָדֶער וֶוערְן אַ בַּטְלָן, עֶס אִיז נִישְׁט שַׁייךְ אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צַאמְנֶעמֶען אוֹיפְשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי, גֵיין בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה - וֶוען זַיין וַוייבּ שֶׁענְדְט אִים אוּן שִׁינְדְט אִים דִי הוֹיט מִיטְ'ן אִים רוּפְן מִיטְ'ן צוּנָאמֶען: "מַיין מַאן דֶער בַּטְלָן".

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ, אִיךְ וֶועל אִים שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו עֶר זָאל אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ אוּן גֵיין בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, אָבֶער אִיךְ זָאג אַייךְ קְלָאר פוּן פָּארְאוֹיס אַז דָאס וֶועט נָאר אַרְבֶּעטְן אוֹיבּ אִיר וֶועט קוּקְן אוֹיף אִים גוּט, אִיר וֶועט אִים שֶׁעצְן אוּן אִים אָנְהוֹיבְּן רוּפְן מִיט אַ נֵייעֶם נָאמֶען, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: "מַיין מַאן דֶער גֶעלוּנְגֶענֶער", "מַיין מַאן דֶער קְלוּגֶער", "מַיין מַאן דֶער צַדִּיק", "מַיין מַאן מַיין לֶעבְּן"; נָאר אַזוֹי וֶועט עֶר זִיךְ קֶענֶען צַאמְנֶעמֶען, אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ אוּן אַהֵיים בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה עֵקֶב תשפ"ב)

<<<<<< מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

טָאג אִיז דֶער טַאטֶע נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען. עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט דֶערְצוּ אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט זַיין טַאטֶע'ן פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ אִים בִּיז יֶעצְט, הָאט אִים דֶער טַאטֶע גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען צוּ גָאר אַ הוֹיכֶע פְּלַאץ אִין גַן עֵדֶן, אוּן עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער אַרָאפּ צוּ קוּמֶען לֶערְנֶען מִיט אִים פוּן אַזַא הוֹיכֶע פְּלַאץ. הָאט אִים זַיין זוּן גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס יֶעצְט אִיז עֶר יָא אַרָאפְּגֶעקוּמֶען, הָאט אִים דֶער טַאטֶע דֶערְצֵיילְט וָואס דָא הָאט פַּאסִירְט.

אִין דִי שְׁטָאט בַּארְדִיטְשׁוּב הָאט גֶעלֶעבְּט אַ אִיד מִיטְ'ן נָאמֶען ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוֹחֵט אַ יְרֵא שָׁמַיִם, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט צוּ הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע אִידְן, שְׁטֶענְדִיג צוּ טוּן טוֹבוֹת פַאר מֶענְטְשְׁן וִויפִיל עֶר הָאט נָאר גֶעקֶענְט.

אֵיינְמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ יְרִיד אִין שְׁטָאט, אוּן וֶוען ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם יְרִיד הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי מֶענְטְשְׁן לוֹיפְן בְּרֶענְגֶען וַואסֶער אוּן גִיסְן אָן אֵיינֶעם. מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְגְט נָאךְ אוּן נָאךְ וַואסֶער אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ גִיסְן אוּן גִיסְן. עֶר הָאט זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט וָואס עֶס גֵייט פָּאר, אוּן מֶען הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז דָא אִיז דָא אַ אִיד וָואס אִיז גֶעקוּמֶען פִירְן גֶעשֶׁעפְטְן, עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאט אָפְּגֶעשְׁפָּארְט צְוֵויי הוּנְדֶערְט גוּלְדְן, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט נָאךְ צְוֵויי הוּנְדֶערְט גוּלְדְן וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַיינְגֶעשְׁטֶעקְט בַּיי אִים אִין גֶעשֶׁעפְט, אוּן אוֹיסֶער דֶעם הָאט עֶר נָאךְ צוּגֶעבָּארְגְט נָאךְ צְוֵויי הוּנְדֶערְט גוּלְדְן, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעהַאט אַ סַךְ הַכֹּל פוּן זֶעקְס הוּנְדֶערְט גוּלְדְן מִיט וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען דָא צוּם יְרִיד מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן, הָאפֶענְדִיג מַצְלִיחַ צוּ זַיין.

אָנְקוּמֶענְדִיג אָבֶער הַיינְט צוּם יְרִיד, הָאט מֶען אִים גֶע'גַנְבְ'ט דָאס גַאנְצֶע סְכוּם גֶעלְט. דֶער אִיד הָאט גֶע'חַלְשְׁ'ט פוּן גְרוֹיס צַעַר, אִין אֵיין מִינוּט הָאט עֶר פַארְלוֹירְן זַיין גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן, עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ בְּלוּטִיגֶער אָרִימַאן, אוּן נָאךְ אוֹיךְ אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל חוֹב. מֶען פְּרוּבִּירְט צוּ גִיסְן וַואסֶער עֶר זָאל זִיךְ דֶערְוֶועקְן, אָבֶער וִוי נָאר עֶר דֶערְוֶועקְט זִיךְ אוּן דֶערְמַאנְט זִיךְ פוּן זַיין גְרוֹיסֶע צָרָה, פַאלְט עֶר נָאכְאַמָאל חַלָשׁוּת, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּ זִיךְ. מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט אִים.

ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ אִיז גְלַייךְ צוּגֶעלָאפְן צוּ דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס פְרֵייד אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ גְרוֹיסֶע סְכוּם גֶעלְט אוּן עֶס קֶען זַיין אַז דָאס אִיז דָאס פַארְלוֹירֶענֶע גֶעלְט, "גֶעבּ מִיר נָאר גוּטֶע סִימָנִים, אוּן אִיךְ וֶועל דִיר עֶס צוּרִיק גֶעבְּן". דֶער אִיד הָאט מַמָּשׁ אוֹיפְגֶעלֶעבְּט וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט, עֶר הָאט זִיךְ גְלַייךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן גֶעבְּן סִימָנִים אַז דָאס גֶעלְט אִיז גֶעלִיגְן אִין אַ רוֹיטְן בַּייטְל, עֶס הָאט גֶעהַאט אַזוֹיפִיל הוּנְדֶערְטֶער'ס אוּן אַזוֹיפִיל צְוָואנְצִיגֶער'ס, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז וִוי עֶס זֶעט אוֹיס הָאט עֶר טַאקֶע גֶעפוּנֶען דָאס פַארְלוֹירֶענֶע גֶעלְט, עֶר גֵייט אַהֵיימְגֵיין אוּן עֶס אִיבֶּערְקוּקְן, אוּן אוֹיבּ עֶס שְׁטִימְט דִי סִימָנִים בְּרֶענְגְט עֶר עֶס גְלַייךְ צוּרִיק.

דֶער ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט גֶעהַאט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט גֶעלְט אוֹיף צוּ חֲתוּנָה מַאכְן זַיינֶע קִינְדֶער, עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען אוּן אִיבֶּערְגֶעצֵיילְט דָאס גֶעלְט אוּן גֶעזֶען אַז עֶר פַארְמָאגְט טַאקֶע זֶעקְס הוּנְדֶערְט גוּלְדְן, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעטוֹישְׁט דִי גֶעלְטֶער אַז סְ'זָאל שְׁטִימֶען מִיט דֶעם אִידְ'ס סִימָנִים, אוּן עֶר אִיז גֶעלָאפְן אוּן עֶס גֶעבְּרֶענְגְט פַארְ'ן אִיד. דֶער אִיד הָאט אוֹיפְגֶעלָאכְטְן אוּן זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקְט פַאר ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ וָואס הָאט אִים מַמָּשׁ גֶערַאטֶעוֶועט.

צְוִוישְׁן דִי פַארְזַאמֶעלְטֶע מֶענְטְשְׁן אַרוּם זֵיי, הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעפוּנֶען דֶער אֱמֶת'ער גַנָב וָואס הָאט לֵיידֶער זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאהֶערְשְׁן אוּן עֶר הָאט גֶע'גַנְבְ'ט דָאס גֶעלְט פוּן יֶענֶעם אִיד. וֶוען דֶער גַנָב הָאט אָבֶער גֶעזֶען דָאס מְסִירַת נֶפֶשׁ פוּן ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ וָואס גֶעבְּט אַוֶועק זַיין אֵייגְן אוֹיסְגֶעהָארֶעוֶועטֶע גֶעלְט נָאר כְּדֵאי פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן אַ אִיד, אוּן עֶר הָאט דָאךְ גֶעוואוּסְט דֶעם אֱמֶת אַז ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דָאס גֶעלְט, וַוייל דָאס גֶעלְט אִיז גֶעלִיגְן בַּיים גַנָב אִין טַאשׁ, אִיז אַרַיין אִין אִים אַן אֱמֶת'עֶ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן זִיךְ מִתְוַדֶּה גֶעוֶוען פַארְ'ן גַאנְצְן עוֹלָם אַז עֶר הָאט גֶע'גַנְבְ'ט דָאס גֶעלְט אוּן עֶר וִויל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן דָא גֶעבְּט עֶר עֶס צוּרִיק.

ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט זִיךְ נִישְׁט וִויסֶענְדִיג גֶעמַאכְט, נָאר עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט עֶס גֶעטְרָאפְן אוּן עֶר הָאט עֶס יֶעצְט צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט. אוּן עֶס הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ גְרוֹיסֶע קְרִיגֶערַיי. ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט גֶעשְׁרִיגְן אַז עֶר הָאט עֶס גֶעטְרָאפְן אוּן וִויל עֶס צוּרִיק גֶעבְּן... אוּן דֶער צְוֵוייטֶער הָאט גֶעשְׁרִיגְן אַז עֶר הָאט עֶס גֶע'גַנְבְ'ט אוּן וִויל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן עֶס צוּרִיק גֶעבְּן... בֵּיידֶע הָאבְּן נָאר גֶעוָואלְט אַז דֶער אִיד זָאל נֶעמֶען דָאס גֶעלְט פוּן זֵיי. הָאט מֶען אָפְּגֶעמַאכְט אַז מֶען וֶועט גֵיין צוּם רַב אִין שְׁטָאט, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בַּארְדִיטְשׁוּבֶער זי"ע, אַז עֶר זָאל פַּסְקְ'עֶנֶען דִי דִין תּוֹרָה.

וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן פָארְגֶעלֵייגְט זֵייעֶרֶע טַעֲנוֹת, אִיז דֶער צַדִּיק מוֹרָא'דִיג צוּפְלַאמְט גֶעוָוארְן, אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע מְלִיצוֹת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַזוֹי וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קוּק נָאר אָן דַיין טֵייעֶרֶע פָאלְק דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. מִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל, וואו אִיז נָאךְ דָא אַזַא פָאלְק וִוי דִי אִידְן, צְוֵויי אִידְן קְרִיגְן זִיךְ וֶוער עֶס זָאל הָאבְּן דִי זְכִיָ' אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אִיד אוּן אִים צוּרִיק גֶעבְּן זַיין גֶעלְט אַז עֶר זָאל וֶוערְן פְרֵיילִיךְ. אִיז נָאךְ דָא אַזַא פָאלְק אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט?"

דֶער צַדִּיק הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיר זָאלְט וִויסְן אַז אֵייעֶר דִין תּוֹרָה הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסְן רַעַשׁ אִין אַלֶע הִימְלֶען. אוּן יֶעצְט גֵייט אוּן מַאכְט אַ פְּשָׁרָה צְוִוישְׁן אַייךְ, אוּן דִי זְכוּת וֶועט זַיין פַאר יֶעדְן".

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָחוּם טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זי"ע הָאט אוֹיסְגֶעפִּירְט אוּן גֶעזָאגְט פַּאר זַיין זוּן: "יֶעצְט אִיז דֶער ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן, אוּן מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעטְרִיבְּן אַלֶע צַדִיקִים פוּן גַּן עֵדֶן אַז מֶען זָאל אִים גֵיין מְקַבֵּל פָּנִים זַיין, אוּן אוֹיפְנֶעמֶען דֶעם טֵייעֶרְן אִיד וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן אַ צְוֵוייטְן אִיד, וָואס הָאט שְׁטֶענְדִיג זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ טוּן טוֹבוֹת פַאר מֶענְטְשְׁן, אוּן אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ סֵיי וִוי גֶעמוּזְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן גַּן עֵדֶן הָאט אִיךְ גֶעקֶענְט קוּמֶען נָאכְאַמָאל צוּ דִיר, אָבֶער לִכְאוֹרָה וֶועל אִיךְ פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער נִישְׁט קֶענֶען מֶער קוּמֶען לֶערְנֶען מִיט דִיר"

זֶעט מֶען פוּן דֶעם דִי גְרוֹיסֶע מַעֲלָה פוּן אַ אִיד וָואס הֶעלְפְט אַ צְוֵוייטְן. וואוּיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה שְׁטֶענְדִיג צוּ טוּן טוֹבוֹת פַאר אִידְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ טוֹבוֹת)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קמט)

### אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט אִיבֶּער דִי תּוֹרוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן

### תקלז

דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן פַאר רֶבִּי נָתָן מְסַדֵּר צוּ זַיין אוּן אִיבֶּערְשְׁרַייבְּן אַלֶע זַיינֶע תּוֹרוֹת, וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען בִּיז דֶעמָאלְט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן בַּיי רֶבִּי נָתָן אִין בַּאזוּנְדֶערֶע הֶעפְטְן, אַזוֹי וִוי עֶר פְלֶעגְט עֶס אָפְּשְׁרַייבְּן יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי תּוֹרוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

רֶבִּי נָתָן הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר הָאט שֵׁיין מְסַדֵּר גֶעוֶוען אוּן אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבְּן אַלֶע תּוֹרוֹת אוֹיף שֵׁיינֶע אוּן גוּטֶע פַּאפִּיר, אוּן זַיין חַבֵר ר' נַפְתָּלִי הָאט אִים אַסַאךְ אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן מִיט דֶעם, עֶר הָאט פָארְגֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן וָוארְט בַּיי וָוארְט פוּן דִי הֶעפְטְן, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט עֶס שֵׁיין אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבְּן אַלְס אַ סֵפֶר, אוֹיפְ'ן סֵדֶר וִוי אַזוֹי עֶס אִיז הַיינְט גֶעדְרוּקְט.

דָאס שְׁרַייבְּן דֶעם סֵפֶר הָאט זִיךְ גֶעצוֹיגְן פַאר אוּמְגֶעפֶער אַ פֶערְטְל יָאר, בִּיז נָאךְ פֶּסַח, נָאנְט צוּ שָׁבוּעוֹת.

אִין יֶענֶע צַייט הָאט דֶער רֶבִּי נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעזָאגְט אַז עֶר פְלַאנְט צוּ דְרוּקְן דִי תּוֹרוֹת אִין אַ סֵפֶר אוּן עֶס פַארְשְׁפְּרֵייטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, דֶעמָאלְט פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי אָנְזָאגְן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז מֶען זָאל נִישְׁט אִיבֶּערְזָאגְן זַיינֶע תּוֹרוֹת פַאר פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִישְׁט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט עֶטְלִיכֶע טַעֲמִים דֶערוֹיף פַארְוָואס עֶר ווִיל נִישְׁט מֶען זָאל עֶס אִיבֶּערְזָאגְן פַאר אַנְדֶערֶע. אוּן רֶבִּי נָתָן מִיט דִי אַנְדֶערֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן טַאקֶע זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דֶעם, צוּ בַּאהַאלְטְן דִי אַלֶע הֶעפְטְן אוּן בּוֹיגְנְס מִיט דִי גֶעשְׁרִיבֶּענֶע תּוֹרוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

### תקלח

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט דֶערְצֵיילְט אַ חָלוֹם וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, "אִיךְ בִּין גֶעשְׁטַאנֶען אָנְגֶעלַיינְט אוֹיפְ'ן טִישׁ אוּן זִיךְ אַרַיינְגֶעבּוֹיגְן אִין יַם, אוּן אַלֶע פֶעלְקֶער אוּן אַלֶע קֶענִיגְן זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעקוּקְט אוּן זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט, דָאס אִיז שֻׁלְחָן מְלָכִים, יַם הַחָכְמָה. זָאל אִיךְ אוֹיסְזָאגְן? וָואס אֲפִילוּ שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט נִישְׁט מְגַלֶּה גֶעוֶוען".

### תקלט

נָאנְט צוּ רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ אִינְגְל בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, קֶען מֶען גָארְנִישְׁט דֶערְצֵיילְן אוּן אַרָאפְּמָאלְן. גְלַייךְ זֶענֶען רוֹב אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן פוּן אַלֶע שְׁטֶעט אוּן דֶערְפֶער, אוּן אוֹיךְ רֶבִּי נָתָן אִיז גְלַייךְ אַרִיבֶּערְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן.

יֶענֶע גַאנְצֶע וָואךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט פִילֶע שְׁמוּעֶסְן אִין עֲבוֹדַת ה', דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶעם עִנְיָן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ע"ב) אַז עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ בְּחִינוֹת אִינֶעם יֵצֶר הָרָע, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן יֶעדֶעס מָאל פוּן פְרִישׁ אִים מַכְנִיעַ צוּ זַיין אוּן בַּייקוּמֶען.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִיק"

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב




# פַארְוָואס מַאכְט מֶען חֲתוּנוֹת אִין שׁוּל אַזוֹי בִּילִיג?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים וָואס הֶעלְפְן מִיר אוֹיפְ'ן טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן.

מַיינֶע קְרוֹבִים זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּב, אוּן אֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ אִיךְ בִּין אַ חָסִיד פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה. אִין אָנְהוֹיבּ הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט אָבֶער מַיין טַאטֶע זָאגְט מִיר, "וָואס אִיז דִי פְּרָאבְּלֶעם? זָאג יָא! אִיךְ בִּין זַיין חָסִיד", אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַבִּיסְל פַארְלוֹירְן פוּן דֶעם אַז זֵיי גֵייעֶן מִיר יֶעצְט אָנְהוֹיבְּן פְרֶעגְן קַשְׁיוֹת, אוּן זֵיי הָאבְּן טַאקֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דָאס אוּן מִיט יֶענְץ, אוּן אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַ דַאנְק דִי שִׁיעוּרִים הָאבּ אִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט.

שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן זֵיי מִיר גֶעזָאגְט, "יָא, מִיר הָאבְּן אַ קָרוֹב וָואס אִיז אוֹיךְ אִין יֶענֶע קְהִלָּה, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ חֲתוּנָה אִין שׁוּל, אוּן מְ'גֶעבְּט דָארְט נָאר אֵיין שְׁטִיקְל קוּגְל, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט לֵיצָנוּת פוּן דִי חֲתוּנוֹת אִין שׁוּל. אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעשְׁוִויגְן, אָבֶער אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם, וָואס קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מְחַזֵּק זַיין?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס אִיז דִי חוֹזֶק אַז מֶען מַאכְט חֲתוּנָה אִין שׁוּל? וָואס אִיז דִי חוֹזֶק אַז מֶען גֶעבְּט נָאר אֵיין שְׁטִיקְל קוּגְל? חוֹזֶק אִיז אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט וָואס מֶען הָאט נִישְׁט - פַאר גֶעצֵיילְטֶע שָׁעָה, חוֹזֶק אִיז בָּארְגְן גֶעלְט אוּן נִישְׁט בַּאצָאלְן.

וֶוער נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט וֶוען מֶען שְׁפֶּעט פוּן הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ, נֶעם עֶס נִישְׁט צוּם הַארְצְן. וָואס פְלֶעג אִיךְ טוּן בִּתְחִלַּת הִתְקַרְבוּתִי וֶוען מֶען הָאט מִיר גֶעשִׁינְדֶען דִי הוֹיט מִיט לֵיצָנוּת אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ? אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁוִויגְן, זִיךְ נִישְׁט גֶע'טַעֲנָה'ט. אוּן נָאכְן הֶערְן אַלֶע טַעֲנוֹת בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין אַ זַייט אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס זָאל אִיךְ טוּן, פוּן אֵיין זַייט הֶער אִיךְ אַזוֹיפִיל חוֹזֶק, אַזוֹיפִיל לֵיצָנוּת, אַזוֹיפִיל לָשׁוֹן הָרָע מִיט הוֹצָאַת שֵׁם רַע - אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, זַייט אִיךְ הָאבּ גֶעפוּנֶען מוֹהֲרָא"שׁ - רֶעד אִיךְ צוּ דִיר אוּן אִיךְ לֶעבּ מִיט דִיר; אִיךְ טְרַאכְט פוּן דִיר, אַלֶעס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ, אִיךְ רֶעג זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַזוֹי וִוי אַמָאל, אַלֶעס הָאט זִיךְ בַּיי מִיר גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן"; אַזוֹי פְלֶעג אִיךְ זִיךְ גוּט אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן יֶעדֶע מָאל, אוּן עַד הַיּוֹם, וֶוען אִיךְ הֶער עֶפֶּעס לֵיצָנוּת אוֹיפְ'ן צַדִיק - מַאךְ אִיךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן אוּן אִיךְ שְׁמוּעֶס דָאס אוֹיס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר הֶערְט וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַיינְגֶעפִירְט מִיט חֲתוּנָה מַאכְן אִין שׁוּל, פָּשׁוּט אַזוֹי וִוי דִי מְסוֹרָה, וִוי מֶען הָאט אַלֶע צַייטְן בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל חֲתוּנָה גֶעמַאכְט אִין שׁוּל, וָואלְט עֶר פַאר דֶעם אַלֵיינְס גֶעדַארְפְט אָפְּגֶעבְּן כָּבוֹד פַאר מוֹהֲרָא"שׁ, אֲפִילוּ עֶר גֶעהֶער אִין

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

אַנְדֶערֶע קְהִילוֹת – פַאר׳ן רַאטֶעוֶועןְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן חוֹבוֹת, פַאר׳ן גְרֵייט זַיין צוּ זַיין דֶער חוֹזֶק בַּיי דִי וֶועלְט, אַבִּי אָפְּצוּרַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן גֵיין צוּגְרוּנְד בְּעֵת שִׂמְחָתָם.

שְׁטַארְק זִיךְ, גֵיי נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם אִין וִויכּוּחִים; דִי אַלֶע וָואס טַעֲנֶה׳ען זִיךְ – בַּיים סוֹף פַאלְן זֵיי אִין לֵיצָנוּת אוּן זֵיי וֶוערְן אוֹיךְ חוֹלְקִים.

פַארְבְּרֶענְג עֶנְדֶערְשׁ דַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן מִיט לֶערְנֶען נָאךְ אַ בְּלַאט גְמָרָא, נָאךְ אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, נָאךְ אַ דִיבּוּר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן – וֶועסְטוּ בְּלַייבְּן מְקוּשָּׁר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה עֵקֶב תשפ"ב)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# הערליכע סיום הש"ס פון נחמן נתן רוטה נ"י, זון פון ראש ישיבה שליט"א

דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג נאכט, ביים וועכנטליכן ליל שישי שיעור, איז אויך פארגעקומען גאר א שיינע סיום הש"ס פון הילד החשוב נחמן נתן נ"י, א זון פונעם ראש ישיבה שליט"א. לכבוד דעם סיום זענען אויך געקומען צום שיעור די קינדער פון אינגל קעמפ, זיך מיטצופרייען מיט די גרויסע שמחה פונעם סיום הש"ס פון זייער חבר.

צום ערשט האט מען געמאכט דעם סיום, און חשובער אינגל המסיים האט געזינגען שיין דעם הדרן, און נאך שיינע ניגונים פון תורה. דערנאך האט מען געהערט דעם שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואס האט אנגעהויבן מיט א שבח והודאה צום אייבערשטן אז ער איז זוכה צו זיצן ביים סיום הש"ס פון זיין זון, ער האט געדאנקט דעם אייבערשטן אז אלע זיינע קינדער ביז אהער האבן זוכה געווען מסיים צו זיין ש"ס פאר די בר מצוה, אזוי ווי מוהרא"ש האט איינגעפירט אין תלמוד תורה אין יבנאל. דער ראש ישיבה שליט"א איז געווען זייער איבערגענומען פון דעם סיום, ער האט ארויסגעברענגט אז זיין שמחה איז יעצט נאך גרעסער ווי ווען ער מאכט חתונה א קינד. דער ראש ישיבה האט דערציילט ווי אזוי מען האט אמאל אונטערגעהערט ר' חייקל, א תלמיד פון הייליגן רבי'ן, ווי ער רעדט ביים רבי'נ'ס ציון און זאגט, "איך האב דאך געהערט פון אייך [דער הייליגער רבי] אז ווען מען ענדיגט ש"ס באקומט מען א צלם אלקים".

דער ראש ישיבה שליט"א האט אסאך ארומגערעדט איבער דעם סדר דרך הלימוד, דער וועג וואס דער רבי האט אונז אויסגעלערנט (שיחות הר"ן סימן ע"ו), וואס אויף דעם וועג קען יעדער איד זוכה זיין צו לערנען תורה אין סיי וועלכע אומשטענדן, אז מען זאגט די הייליגע ווערטער פון תורה, אפילו מען פארשטייט נישט וואס מען זאגט און מען געדענקט נישט וואס מען האט געלערנט. דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך באדאנקט פאר'ן מנהל און די חשובע מלמדים, וואס אויסער די געווענליכע לימודים וואס מען לערנט אין חדר, געבן זיי אריין א חשק אין די קינדער אז זיי זאלן אויסנוצן אויך די זייטיגע צייטן און זאגן תורה אויף זייער אייגענע וועג, און אזוי וועלן זיי בלייבן צוגעבינדען צו די הייליגע תורה זייער גאנץ לעבן.

נאכ'ן שיעור איז דער עולם אריבערגעגאנגען אנוואונטשן מזל טוב פאר'ן ראש ישיבה שליט"א און פאר נחמן נתן, און מען האט געטאנצן און זיך געפריידט לכבודה של תורה.

מען קען הערן די גאנצע שיעור אויף "קול ברסלב" (זעט אלע לאקאלע נומערן ביים סוף פונעם גליון), דרוקט 1 פאר אידיש, 2 פאר שיעורים פון ראש ישיבה, 2 פאר וועכנטליכע שיעורים, 7 פאר תשפ"ב, און 43 פאר'ן סיום.

**כי הם חיינו ואורך ימינו!**

***

# בנין היכל הקודש ווערט צוגעגרייט פאר ראש השנה תשפ"ג הבעל"ט

אין די יעצטיגע טעג טוט זיך העפטיגע הכנות אינעם בנין היכל הקודש אין אומאן אין בעפארברייטונגען צום קומענדיגן ראש השנה תשפ"ג, מען ארבעט פון אלע זייטן אהערצושטעלן דעם בנין ווי עס דארף צו זיין.

ביי די טרעפ ארויף צו אלע שטאקן ווערט אינסטאלירט גוטע און שטארקע רעילינגס עס זאל זיין אפגעהיטן מען זאל חס ושלום נישט געשעדיגט ווערן ווען מען גייט ארויף און אראפ פון די שלאף צימערן צום בית המדרש און צוריק. אויך ווערט אין די טעג צוגעגרייט דער עלעוועיטאר וואס וועט שטארק פארגרינגערן דאס ארויפגיין און אראפקומען ביים אנקומען אין בנין און ביים אהיים פארן.

צוליב די יעצטיגע מלחמה צושטאנד אין אוקריינא, טאר ביינאכט נישט געזען ווערן קיין שום לעכטיגקייט, וועט אין אלע צימערן אינסטאלירט ווערן פורהאנגען אויף די פענסטער כדי עס זאל נישט ארויסשיינען די ליכטיגקייט ביינאכט. אזוי אויך פילט מען שוין אן די וואסער טאנקען עס זאל זיין גענוג וואסער פאר די גאנצע צייט וואס מען איז דארט.

די געטרייע איבערגעגעבענע אינגעלייט ארבעטן גאר שווער אויף אלע פראנטן אז אלעס זאל קלאפן על צד היותר טוב, טראץ דעם וואס דאס יאר איז נישט אזוי גרינג צו באקומען אלעס, דאך פרובירט מען פון אלע זייטן אהערצושטעלן דעם בנין מיט אלעס ארום מיט די בעסטע און שענסטע וואס קען נאר זיין.

ווי שוין געמאלדן קען מען שוין דינגען זיצן אין בית המדרש אויף ראש השנה ביים גבאי'ן מו"ה נחמן נתן קרויס הי"ו, מען קען אים רופן אויף 347-404-8738.

דער עיקר פון אלעם איז צו בעטן דעם אייבערשטן מען זאל אנקומען און צוריק קומען בשלום, און אויס'פועל'ן אלע ישועות ורפואות פאר זיך און די גאנצע משפחה און פאר גאנץ כלל ישראל.

**וכל באי עולם יעברון לפניך כבני מרון!**

# סימן טוב ומזל טוב

החתן **שמואל זיינוויל גרינבוים** הי"ו
**צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג**
***
הרה"ג מו"ה **יונה זינגער** שליט"א
**דומ"ץ קרית ברסלב ליבערטי**
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**
***
מו"ה **אברהם משה שטראססער** הי"ו
**מנהל מוסדותינו הקדושים**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**
***
מו"ה **שמעון עוזר פערל** הי"ו **וזוגתו** תחי'
**גבאי ביהמ"ד היכל הקודש ירושלים**
**צו די געבורט פון אן אייניקל למזל טוב**
***
מו"ה **ישראל יאראוויטש** הי"ו
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**
***
מו"ה **שמואל בלעדי** הי"ו
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**
***
מו"ה **יואל אפנהיים** הי"ו
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**
***
מו"ה **יודא פריינד** הי"ו
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**
***
מו"ה **נחמן שמואל יאקאבאוויטש** הי"ו
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**
***
מו"ה **שמואל גליקמאן** הי"ו
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**
***
מו"ה **שלמה וויינבערגער** הי"ו
**צו די בר מצוה פון זיין זון למזל טוב**
הבחור **אפרים** נ"י


# כפוי טובה

**די שיינקייט פון הכרת הטוב, און די מיאוסקייט פון זיין א כפוי טובה**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 8, 2, 79**

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 541152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 541152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**




הפצת הגליון בבארא פארק נתנדב ע"י החתן יוסי מערמלשטיין הי"ו לרגל אירוסיו למזל טוב בשעה טובה ומצלחת